בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת נח

### שנת תשפ"ה לפ"ק

נלקט משיעריו של
**הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף שליט"א**
רב ואב"ד חסידי רוז'ין קרית יואל

הוצאת מובחר

## לשמוע שיעורים

בארה"ב על מספר הרגיל של קול הלשון 1.718.521.5231

לחורש"י 3.1.1.5.28 - לגמרא 3.2.2.13 - לשו"ע 3.3.6.29

בארץ ישראל 073.321.1792

מען קען הערן די שיעורים אין אמעריקע

אויף א דירעקטע נאמבער דורכן רופן 646-934-6134

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

# פרשת נח

**סוף** פון די וואכעדיגער סדרה ווערט
דערמאנט די פסוק את קשתי
נתתי בענן, די פסוק קען געטייטשט
ווערן אויף אזא פארנעם

**את** קשתי מיין שווערigkeit נתתי
האב איך אוועקגעלייגט בענן
אזוי ווי א וואלקן, וואס הייסט.

**יעדער** ווייסט אז אמאהל שיינט די
זון א מחי', פליצלינג קומט
א וואלקן עס בלייבט שטעקן און גיט
זיך נישט קיין רור אבער צום סוף
באקומט די וואלקן א מעסעדש פון
אויבן עס איז צייט זיך אוועקצוריקען
פון די האריזאנט און גיין ווייטער זיין
וועג.

**יעדער** איד מאכט מיט שווערigkeiten
זה בכה וזה בכה איינער
גייט אים שווער די פרנסה איינער
די בלעטל גמרא אבער יעדער מאכט
עפעס מיט.

**אגב** איז כדי צו דערמאנען א
ווארט פון הרה"ק רבי שלמ'קה
זוויהל'ער זי"ע, זאגט ער אזוי, פאר
ידעדער מענטש איז באשערט עפעס
מיטצומאכן און פינקט ווי מזונותיו
של אדם קצובין לו מראש השנה ועד
ראש השנה איז אויך באשערט וויפיל
הנאות און עגמות נפש ער וועט
מיטמאכן.

**די** מענטש קען זיך וועלן ווי ער וויל
ארייינלייגן די הנאות און ווי ער
וויל לייגן די עגמות נפש

**א** גראדע מענטש מיט שכל לייגט
די עגמות נפש אין לערנען און די
הנאות אין נחת פון די קינדער

**און** א נער לייגט הנאה אין זיך
ווייקן אין תאוות און די עגמות
נפש קומט ארויס ביי די פרנסה און
אנדערע ענינים וואס ער וואלט זיך
געווינטשען זיך נישט צו מיטשען
אויף דעם

**ווען** ער וואלט זיך נאר געמיטשעט
אויף א בלעטל גמרא פיפצן
צוואנציג מינוט א טאג וואלט ער זיך

נישט געדארפט מיטשן אויף קיין איין ענין מען דארף וויסן וועלעכע זייט צו דרייען די מטבע

**אבער** את קשתי נתתי בענן נישט קיין חילוק וואס א איד מאכט מיט צו ביי די בלעטל גמרא צו עניני רפואה מען טאפט א וואנט דארף מען וויסן נאך אביסל און עס גייט אריבער

**אזוי** ווי די וואלקן רוקט זיך אין די זייט אזוי אויך וועט זיך יעדע ענגשאפט קטן כגדול זיך אוועקרוקן

**מיט** דעם ידיעה אליין טוהט דאס זיין אן אור און עס בארואיגט שוין די מצב

**מען** דארף נישט טראכטן וויאזוי, ישועת ה׳ כהרף עין פון דארט ווי עס פאלט נישט איין פון דארט קומט אן די ישועה טאקע ווייל עס זעט נישט אויס מעגליך מיסטו דאך צוקומען צום אויבערשטן נעם ארויס די תהלים׳ל שפכי כמים לבך נוכח פני ה׳

**די** הייליגער רוז׳ינער זי״ע, וואס די יארצייט געפאלט יעצט ערש״ק, זאגט אז ביי קריעת ים סוף שטייט דאך

**אז** זיי זענען געווען ארומגענומען פון אלע פיר זייטן, פון אינטען זענען געוועהן די מצריים פון פארנט איז געוועהן די ים פון די אנדערע צוויי זייטן נחשים ועקרבים

**די** אידן האבן געטראכט צו זיך, נו אפשר וועט מען מלחמה האלטן מיט די מצריים אדער אפשר גאר זיך אן עצה געבן מיט די נחשים ועקרבים אבער אז די ים וועט זיך שפאלטן אז מען וועט זיך אן עצה געבן מיט די וואסער דאס איז זיי גארנישט איינגעפאלן און פון דארט איז די ישועה געקומען

**מען** האט פריער דערמאנט די צוויי זייטן פון די מטבע א איד דארף וויסן אז יעדער ענין קען מען קוקן מיט א ריינע בליק און מיט אן אומריינע

**מען** קען זאגן אויף א געוויסע ענין וואס איינער טוהט ער מיינט זיך ער מיינט כבוד צו סיי וואס אדער קען מען זאגן ער מיינט עס ערנסט

**דאס** קען זיך מאכן ביי צענדליגער ענינים וויאזוי צו פושט זיין ספיקות און ביים לערנען איז דא צוויי מהלכים

**אדער** אפילו אפצולערנען א ווארט וואס איינער האט דיר געזאגט איז דא צוויי זייטן צו די מטבע

**די** ווארט מטבע האט אן אות מ׳ פון די רעכטע זייט און אן אות ע׳ פון די לינקע זייט די אות מ׳ איז מרמז אויף טהרה וואס מיינט א ריינע בליק

**און** די אות מ׳ מיינט טהרה צוליב דעם וואס מ׳קוה הייבט זיך אן

מיט א מ' ווי אויך איז דא מ' סאה
במקוה ממילא מיינט מען טהרה

**מען** קען אנקיקן יעדער זאך מיט א
ריינע בליק נו וואס פעלט אויס
צו קוקען אויף די לינקע זייט און
מעיין זיין אזוי ווי עס שטייט אויף די
לינקע זייט אן ע' וואס איז מרמז אויף
ע'יון

**די** קדושת ציון פון באבוב זי"ע זאגט
אז יעדער מענטש האט זיך זיינע
כללים מען דארף וויסען אז אפילו
מען האט זיך פארשידענע כללים
וואס מיט דעם האט דער מענטש
זיין מהלך החיים נאכאלס דארף מען
קענען אמאהל מאכן א יוצא מן הכלל
פון די כללים

**מען** הייבט דאך יעצט אן מעביר
סדרה זיין פון פריש די טעמי
המקרא הייבן זיך אן פשטא מנח
זרקא מנח סגול האט מען אמאהל
געטייטשט אויף דעם ענין דאס זענען
דאך סימני הטעמים

**יעדער** מענטש האט זיך סימנים
וטעמים וויאזוי ער
פארשטייט צו טוהן זאכן דאס גייט
במחשבה בדיבור ובמעשה און עס איז
א חלק פון חכמה בינה ודעת וואס
די אויבעשטער האט אריינגעלייגט
און א מענטש מאכט זיך אמאהל אז
עס ארבעט עפעס נישט עס ווערט
צושפילט וואס איז די עצה

**פשטא** די ווילסט עס פושט זיין מנח
טראכט נישט פון דעם די
וועלטו זאגט טראכט גוט וועט זיין
גוט טראכט נישט וועט זיין בעסער

**זרקא**ווארף דיך ארויף אויפ'ן
אויבערשטן מנח וועסטו זעהן
עס וועט דיר אפלאזן עס וועט דיר
שוין נישט באדערן סגל אזוי טוט די
עם סגולה

**אז** מען רעדט שוין פון דעם איז
כדי צו דערמאנען אן ענין וואס
יעדער דורכשניטליכע מענטש ווייסט
נאר עס קען נישט שאטן איבערצוגיין

**בכלל** די ארקיטעקט וואס הייסט
דעת וואס מען איז מתפלל ביי
אתה חונן עס איז דא מחשבות וואס
באגלייטן א מענטש וואס דאס ווייזט
די מענטש וואס יא צו טוהן און וואס
נישט צו טוהן

**אמאל** דערשרעקט זיך די מענטש
ווען עס קומט א נעגעטיווע
מחשבה און ער האט מורא פון דעם
מען דארף וויסן אז די מחשבות בייסן
נישט סאיז נאר צו באגלייטן זאלסט
טוהן ריכטיג

**די** אויבעשטער איז מרמז פאר
יעדער מענטש אויף זיין פארנעם
און זיין אופן און מען דארף טאקע
מתפלל זיין צום אויבערשטן מען זאל
וויסן וויאזוי אנצונעמען יעדער זאך
וויסן ווען צו מאכן א יוצא מן הכלל
ווען מסיח דעת צו זיין און נישט

טראכטן וואס בעצם דאס אלעס ליגט
אין ברכת אתה חונן

**רבותי** סקומט א לעכטיגע שבת
יונה מצאה בו מנוח סאיז

אלה תולדות נח נח א דאפעלטע
מנוחה וואס פון דעם וועלן מיר אלע
ארויסקומעם איש צדיק תמים הי'
בדורתיו